


# דברי תורה על הפרשה

## חנוכה

BROUGHT TO YOU BY **MYSHLIACH**
A DIVISION OF MERKOS L'INYONEI CHINUCH SUITE 302

*"Caring for the well-being of shluchim's children worldwide"*

MyShliach

MERKOS L'INYONEI CHINUCH
SUITE|302

אין דעם זמן הגלות בפרט, איז דאָס ניט ח"ו אויף מאַטערן זיך. נאָר אין דעם איז פאַראַן אַ באַזונדערע מעלה.

דער תכלית [22]) פון השתלשלות העולמות איז ניט צוליב די עולמות העליונים, וויבאַלד אַז פאַר זיי איז עס אַ ירידה מאור פניו יתברך. נאָר דער תכלית איז אין עולם הזה התחתון דוקא, וואָרום אין עולם הזה שטייט דער כוח העצמות.

און אין עולם הזה גופא — האָט מען פאַר גלות מצרים ניט געקענט מקבל זיין די תורה. נאָר דוקא דורכן כור הברזל פון גלות מצרים איז מען געוואָרן כלים אויף קבלת התורה. און ווי עס דרש'נען [23]) רז"ל, אַז פאַרוואָס האָבן אידן מקבל געווען די תורה — ווייל למצרים ירדתם כו'.

**י. און דאָס איז אויך וואָס עס שטייט [24]) ואנכי תרגלתי לאפרים:**

**ביי מתן תורה שטייט [25]), אַז אויב עס וואָלט געווען ששים ריבוא חסר אחד — זעקס הונדערט טויזנט ווייניקער איינער — (ווען דער אחד וואָלט ניט געווען) וואָלט ניט געגעבן געוואָרן די תורה חס ושלום אַפילו צו משה'ן. וואָס דאָס איז דאָך מרומז אין פסוק [26]), שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו, אַז דורך דעם וואָס עס זיינען געווען** אַלע שש מאות אלף, אויך די רגלים (פיס), און דער עיקר די רגלים (ווי עס ווערט אין אַן אַנדער אָרט דערקלערט די מעלה פון רגל — קבלת עול), איז געגעבן געוואָרן די תורה וואָס הויבט זיך אָן מיט אנכי, אַז עס איז נמשך געוואָרן דער „אנכי" צו משה'ן.

דערפאַר איז בשעת דער פסוק רעדט וועגן אפרים'ן, וואָס זיין ענין איז כי הפרני אלקים בארץ עניי, אַז דורך מצרים קומט מען צו צום תכלית העילוי פון מתן תורה, זאָגט ער אויף דעם — ואנכי תרגלתי לאפרים. אַז דורך „תרגלתי" לשון רגל, — ד. ה. די עבודה פון קבלת עול, — דורך דעם קומט מען צו צום אנכי מי שאנכי.

(משיחת חג השבועות, תשי"ג)

## חנוכה

**יא. די מצוה פון חנוכה איז אָנצינדן ליכט. ווי אַזוי שאַפט מען ליכט? — מען נעמט בוימל אָדער האָלץ א. ד. גל., ד. ה. אַ גשמיות'דיקע זאַך, און מען וואַרעמט דאָס אָן, ביז עס ווערט אויס גשמי און עס הויבט אָן צו לייכטן אין דעם גאַנצן אַרום.**

**די ליכט וואָס מען צינדט אָן חנוכה, קומען פון די ליכט וואָס מען פלעגט צינדן אין בית המקדש. אין בית המקדש פלעגט מען יעדע נאַכט צינדן ליכט. אָבער אין דער צייט פון נס חנוכה איז ניט געווען קיין ריינע בוימל צו צינדן די ליכט. האָט דער אויבערשטער געטאָן אַ נס און מען האָט געפונען אַ פך שמן טהור חתום בחותמו של כהן גדול — אַ קריגל ריינע בוימל, פאַרזיגלט מיטן זיגל פון כהן גדול,**

22) תניא פל"ו.

23) שבת פח, ב.

24) הושע יא, ג. לקו"ת ויקרא ב, א. במדבר פ, ב. ד"ה לכה דודי תרפ"ט (סה"מ קונטרסים ח"א כא, א).

25) מכילתא דרשב"י (וראה ג"כ מכילתא) יתרו יט, יא. דברים רבה פ"ז, ח.

26) במדבר יא, כא.

— די בּימל וואָס אין פך איז געוועזן גענוג קוים אויף איין טאָג, איז געשען אַ נס און עס האָט געברענט אַכט טעג. איז צום אָנדענק פון דעם נס צינדט מען ליכט, אַלע אַכט טעג פון חנוכה.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די ליכט פון חנוכה קומען פון די ליכט פון מקדש, פונדעסטוועגן זיינען זיי פאַנאַנדערגעטיילט אין עטלעכע זאַכן.

א) אין בית המקדש איז אַלע מאָל געוועזן די זעלבע צאָל ליכט. דאַקעגן חנוכה גיט מען צו יעדער נאַכט נאָך אַ ליכט.

ב) אין בית המקדש פלעגט מען אָנצינדן די ליכט דוקא בייטאָג, ווען ס'איז נאָך געווען גוט ליכטיק, אָבער חנוכה־ליכט צינדט מען נאָך דעם ווי די זון פאַרגייט.

ג) גרות המקדש זיינען געווען אינעווייניק, און נרות חנוכה איז מצוה להניח על פתח ביתו מבחוץ — אינדרויסן.

ד) מצות נרות המשכן והמקדש, איז געווען אין אַ צייט ווען אידן האָט ניט געפעלט אין גשמיות.

ספּעציעל אין דער צייט פון משכן אין מדבר האָבן אידן געהאַט אַלץ וואָס זיי דאַרפן, עסן האָבן זיי געהאַט מן מן השמים, וואַסער האָבן זיי געהאַט פון בארה של מרים, אויך די לבושים האָבן מיטגעוואַקסן מיט זיי, און געווען שטענדיק ריין [27].

אַזוי איז אויך די מצוה פון נרות המקדש געגעבן געוואָרן בימי שלמה, וואָס ס'איז געווען שלום אין זיין צייט. קיינער האָט ניט מלחמה־געהאַט מיט אידן, אדרבה, מען האָט נאָך זיי געצאָלט מס און ס'איז געווען איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו [28].

דאָס זעלבע אויך אין רוחניות, וואָרום אַז מען האָט ניט קיין גשמיות׳דיקע דאגות, גיט מען זיך איינגאַנצן אָוועק אויף תורה ומצות, רוחניות׳דיקע זאַכן, אידישע זאַכן.

דאַקעגן אָבער נרות חנוכה זיינען פאַרבונדן מיט אַ צייט וואָס דאָס לאַנד איז געווען אונטער ממשלת יון און די אידישע אַרמיי איז געווען זייער אַ קליינע אין צאָל, אַזוי אויך אין רוחניות, איז ניט געווען קיין שמן טהור אפילו אויף איין נאַכט.

יב. די אַלע חילוקים זיינען פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע.

בשעת עס איז גוט אין גשמיות, ובמילא אויך אין רוחניות כנ״ל,

— וואָרום ווען אַ איד האָט, גיט ער מיט אַן אָפענער האַנט און מיט אַ ברייטער האַנט אויף ענינים רוחניים —

דאַרף מען ניט האָבן קיין מלחמה און קיין מסירת נפש.

דאַן איז גענוג אַז יעדער טאָג זאָל זיין די זעלבע צאָל, מען מוז ניט צוגעבן נאָך, וואָרום עס גייט אַלץ נאָרמאַל.

אַזוי אויך דאַרף מען ניט לייגן קיין השתדלות צו באַלייכטן די גאַס. די גאַס, די וועלט — איז ניט פינסטער. די מנורה האָט געברענט אין בית המקדש ובמילא איז געווען ליכטיק אויך אין גאַס.

27) רש״י דברים ח, ד.

28) מלכים א ה, ה.

אָבער אין אַ צייט פון אַ שווערן מצב, אַ צייט פון מלחמות, און ניט נאָר מלחמות מיט די יונים נאָר אויך מיט אידן מתיונים[29], וואָרום עס זיינען געווען אַזוינע אידן וואָס האָבן ניט געהאַלטן פון בית המקדש, ניט געהאַלטן פון זעלבסטשטענדיקייט און געוואָלט אַסימילירן זיך מיט די יו־נים.

אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, האָט דער אויבערשטער געגעבן די מצוה פון חנוכה־ליכט. אין אַזאַ צייט פאָ־דערט זיך מסירת נפש.

אין אַזאַ צייט איז ווייניק אַז מען זאָל מאַכן ליכטיק ביי זיך אין שטוב, וואָרום אויפן גאַס איז פינסטער, און די פינסטערניש פון גאַס קען דורכ־שפּאַרן אויך אין שטוב, דאַרף מען לייגן השתדלות אויף באַלייכטן די גאַס, מען צינדט חנוכה־ליכט ווען ס׳איז פינסטער און לעבן טיר דוקא, בכדי צו באַלייכטן די גאַס.

עס איז ווייניק וואָס ער וועט צינדן ליכט ביי זיך אויפן טיש וואו ער עסט אָדער אויפן שרייב־טיש און עפענען די טיר כדי אַז די ליכט זאָל לייכטן אויך אין גאַס, נאָר מען דאַרף צינדן די ליכט לעבן טיר, מען דאַרף לייגן השתדלות אויף באַלייכטן די גאַס.

אויך איז ווייניק די צאָל ליכט פון די פריערדיקע נעכט. וואָרום מען קען זיך ניט באַנוגענען מיט דעם וואָס מ׳איז ניט געוואָרן נידע־ריקער און מען שטייט אויפן זעלבן מצב פון נעכטן, נאָר מען דאַרף גיין אַלץ העכער און העכער.

29) ב״ק פב, ב.

יג. דער סך הכל פון דעם איז:

אין אַ צייט וואָס די פינסטערניש איז גרויס, דאַרף מען ניט נתפּעל ווערן פון דער פינסטערניש וואָס אין גאַס, נאָר אדרבה, מען דאַרף גיין מיט אַ מסירת נפש באַלייכטן די גאַס, און יעדער טאָג צוגעבן מער און מער ליכטיקייט, ביז מען וועט ברענגען נאָך שמן טהור, ריינע און קלאָרע בוימל.

און דער אופן אין דעם דאַרף זיין:

א) מען דאַרף זיך ניט באַנוגענען מיט דער מאָס ליכט וואָס מ׳האָט באַלויכטן נעכטן, נאָר מען דאַרף אַלע טאָג צוגעבן נאָך. היינט איין ליכט, מאָרגן צוויי, איבערמאָרגן דריי, א. אַ. וו. אָנהויבן באַלד מיט אַ סך — קען מען דאָך ניט שפּרינגען מיט אַמאָל. מען הויבט אָן מיט איין ליכט, אָבער מען דאַרף באַלד זיין גרייט אויף צינדן מאָרגן צוויי ליכט און איבערמאָרגן דריי.

ב) מען דאַרף זיך ניט באַנוגענען דערמיט וואָס מען מאַכט ליכטיק ביי זיך אין שטוב ובמילא וועט זיין ליכטיק אין גאַס, נאָר מען דאַרף לייגן השתדלות אויף צו באַלייכטן די גאַס.

ג) דער צוגאַנג צו דעם דאַרף זיין מיט מסירת נפש, אַזוי ווי דער ענין נס — העכער פון טבע. מען קוקט אויף אים מיט אַ קרומער אויג, דאַרף ער ניט נתפּעל ווערן און טאָן מיט מסירת נפש אויסצופירן די שלי־חות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשיקט.

יד. און דאָס מאָנט מען ביי יעדער אידן, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַן

**„אַמבאַסאַדאָר" פון דעם אויבערשטן אויף צו אָנוואַרעמען די גשמיות פון זיין טייל וועלט ביז אַז וועט באַלייכטן אים און אויך זיין סביבה.**

**און דער אופן אין דעם דאַרף זיין, ניט באַנוגענען זיך מיט וואָס ער האָט אויפגעטאָן נעכטן, נאָר אַלע טאָג צוגעבן מער ליכט. מען דאַרף וויסן וואָס מ'האָט אויפגעטאָן נעכטן כדי צו וויסן וויפל צו מוסיף זיין היינט.**

**און בשעת מען גייט מיט דעם וועג, — מען גייט מיט אַ מסירת נפש, מען באַנוגענט זיך ניט דערמיט וואָס מען מאַכט ליכטיק ביי זיך, און מען באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס מ'האָט שוין אויפגעטאָן, — האָט מען דעם צוזאָג אַז סוף סוף ווערט טאַקע אַזוי, עס ווערט ליכטיק אין גאַס, און אַלע מאָל מיט מערער ליכט, ביז מען געפינט שמן טהור (ריינע בוימל) אויף אָנצינדן אין בית המקדש.**

(משיחות כ״א כסלו, תשי״ג)

טו. די מצוה פון נר חנוכה איז אָפּגעטיילט פון אַלע מצות אין צוויי זאַכן:

א) אין אַלע מצות איז פאַראַן דער קיום פון דער מצוה כתקונה. און דער הידור פון דער מצוה, עס איז אָבער ניטאָ קיין הידור מן ההידור.

אַ ראַי׳ אויף דעם איז פון דעם וואָס די גמרא זאָגט: הידור מצוה עד כמה, עד שליש, און דערנאָך זאָגט די גמרא [30]) אַז ביז אַ שליש איז משלו, ומכאן ואילך משל הקב״ה. קומט דאָך אויס אַז מען קען מהדר זיין אָן אַ שיעור, און דאָס אַלץ גייט אַריין אין הידור מצוה.

דאַקעגן אָבער ביי מצות נר חנוכה איז פאַראַן ניט נאָר די מצוה אַליין און ניט נאָר דער הידור פון דער מצוה, נאָר אויך מהדרין מן המהדרין.

ב) אין אַלע מצות, זיינען רוב אידן מקיים בלויז די מצוה אַליין. אָבער אין דער מצוה פון נר חנוכה איז דער מנהג ביי אַלע אידן [31]) צו מקיים זיין ניט נאָר די מצוה אַליין נאָר אויך דעם הידור, און אַפילו דעם הידור מן ההידור.

טז. אין חנוכה זיינען פאַראַן צוויי ניסים: א) דער נצחון פון דער מל־חמה, וואָס אויף דעם האָט מען מת־קן געווען הלל והודאה. ב) דער נס פון פך השמן, וואָס אויף דעם האָט מען מתקן געווען הדלקת הנרות.

דער ענין פון מהדרין מן המהדרין איז ניט אין מצות הלל והודאה, נאָר אין מצות הדלקת הנרות, וואָס עס איז פאַרבונדן מיטן נס פון פך השמן.

די מעלה פון נס מיטן פך השמן אויף אַלע ניסים, ובכללם אויך דער נס פון נצחון אין דער מלחמה, וועט מען פאַרשטיין נאָך אַ פריערדיקער דערקלערונג אַז אין די הנהגות של־מעלה זיינען פאַראַן דריי־ערליי אופני הנהגות:

א) הנהגה טבעית, — אַ נאַטיר־לעכע אויפפירונג — וואָס זי גופא קען זיין אַ דערהויבענע, בהצלחה. עס איז טאַקע אַן ענין פון הצלחה, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס אַן הצ־לחה וואָס על פי טבע.

ב) הנהגה נסית וואָס איז העכער פון טבע. וואָס אַזוי איז אויך געווען

30) ב״ק ט, ב.

31) או״ח סי׳ תרע״א, ס״ב הגהת רמ״א.

# חנוכה

דבר תורה

## Introduction

The Rebbe begins many Sichos by telling us a very important rule. This rule which the Rebbe tells us is so very special because it helps us to look at any bit of Torah that we might be learning in the correct way with the right perspective.

Whether you are learning a Mishna or a Posuk Chumash or even learning the Aleph Beis this rule is a rule that a Yid always has to keep in mind.

So what is this rule which we are talking about? The rule that is so important that the Rebbe always mentions it in Sichos? What is it? Here we go!

If you look at the word "Torah" you will see that it is similar to the word "Hora'ah" which means a"a Lesson". In which way is the Torah similar to Hora'ah- "a Lesson"?

Doesn't the Torah tell us stories too? Aren't there also many details in the Torah that aren't instructing us what to do?

The Rebbe explains that the whole intent of every detail in the Torah is to direct us and serve as a lesson how we can be better Yidden and how we can better do that which we are supposed to. Even those details which seem irrelevant they too are here to teach us a lesson! Sometimes we may have to work hard to figure out what the lesson from this detail is but everything in Torah without exception is a lesson that gives us direction how to live our lives!

Now that we know this important rule we know to examine everything we learn with the finest comb to see what lessons we can learn from every single small detail!

Let's put this rule to use while learning about the Mitzva of lighting the Menora! Let's take a very careful look at the details of this Mitzva.

So we light the Menora on Chanukah because of the miracle that happened with the oil in the Beis Hamikdash. But examining it closely you will realize that we light it in a different way than the way we did it in the Beis Hamikdash.

Can you think of some differences between the way they lit the Menora in the Beis Hamikdash and the way we light for Chanukah?

How many lights did they light in the Beis Hamikdash? Seven! Every single day! It was always the same number day in day out! What about Chanukah? Do we light the same number of lights every day? No way! We increase every day!

That's one difference! The number. What does that mean to us? What lesson is there? Hold on! Let's see some of the other differences and then we'll find a lesson from this detail!

What about the timing of the lighting? When do you light the Menora? By day? No! You light it when it starts getting dark! However in the Beis Hamikdash they lit the Menora during the daytime.

What about the place where you light the Menora? We light it by the doorway or some do it by the window facing the street but in the Beis Hamikdash the lights were tucked away inside the Kodesh; far away from sight!

## Question?

So keeping in mind that every detail of Torah and how we do the Mitzvos teaches us a lesson what are these details teaching us? Why are there differences between the way they lit the Menora in the Beis Hamikdash and the way we light it now? And how does that teach us how to live as a better Yid?

## Answer!

Here we go with our answer.

Do you see Hashem now? I don't. Why? Because in Golus Hashem is hiding. When the Beis Hamikdash was around we could see Elokus now we can't.

This explains all the differences that we noticed before; why we increase the lights of Chanukah, why we place them outside and why we light the lights at night! All of these interesting detailed differences teach us a lesson regarding the way we need to act during the Golus times that we live in currently.

Since Hashem is hiding, there is a lot of darkness outside of the Yiddishe home. What is the way that we can keep the light that is in the house, making sure the darkness doesn't come in while also chasing away the darkness outside? We do it by putting the light of the Menora by the doorway! Chase away the darkness outside! Chase it away forever! That way it will never be seen outside and certainly won't come inside!

So we light it by night, when it gets dark because to chase away the dark you got to light when the darkness is around. You tell that darkness where to go!

Now since in Golus we have a fight on our hands against this darkness it's not going to be good enough to light the same number every night. We need a stronger solution. So what are we going to do to make it work? We are going to add in light! Every day! We are going to take the fight to the darkness with no let up! We are not going to let the Yetzer Hara do his work!

### The Lesson

This is the lessons of the Chanukah Menora that we see from the details. In the Beis Hamikdash when Hashem didn't hide then all we had to do was light the lights inside the Beis Hamikdash and automatically the light would spread outside because there was no-one fighting

the light! It was a light filled time with no problems of darkness that we needed to fight. That's also we why could light the same amount all the time because there was no fight.

Therefore we also lit in the Beis Hamikdash by daytime because there was no darkness to fight. There was no point to prove. So we just had to do the regular Avoda and that would work well enough. We had no need to add in light nor to light by night. But times have changed.

Golus came and Hashem gave us the Mitzva of lighting Chanukah licht; where we light outside in the dark and keep on adding all the time.

This is a lesson to us now. We have to add go out there in the streets and tell the world about Hashem and what he wants from us. We have to go out and do Mivtzoim this Chanukah in the cold and in the dark. That's what Chanukah is all about. Let your candle burn warm and light. Let your Neshama go out in the street and light another Yids Neshama. And do more tomorrow, even more than today! This is Chanukah!

**Hatzlocha!**